# UNIVERSITY COLLEGE LONDON

University of London

## EXAMINATION FOR INTERNAL STUDENTS

For The Following Qualification:-

*M.A.*

**Hebrew G22: Upper Intermediate Yiddish**

| | | |
|---|---|---|
| COURSE CODE | : | **HEBRG022** |
| DATE | : | **05-MAY-04** |
| TIME | : | **14.30** |
| TIME ALLOWED | : | **3 Hours** |

04-N0118-3-30
© 2004 University College London

HEBR GO22 UPPER INTERMEDIATE YIDDISH

*Answer ALL questions. Give answers in complete sentences.*

1. Put the following sentences into the past tense and then into the future tense.
[10 marks]

1. ער הייבט אויף זײַן בוך פֿון דער פאָדלאָגע.
2. מיר מײַדן אים אויס ווײַל ער איז שטענדיק אויפֿגערעגט.
3. איך שרײַב אונטער דעם דאָקומענט ווײַל אַזוי פֿאָדערט דער אַדוואָקאַט.
4. זיי כאַפן עפעס איבער גאָר שנעל ווײַל באַלד הייבט זיך אָן די סעסיע.
5. עס קומט פֿאָר אַ זיצונג כּדי דיסקוטירן אייניקע פרטים.

2. In each question, use a relative pronoun to form one sentence from the two sentences given.
[10 marks]

1. דער מענטש איז געווען 'בלער'. ער האָט געוואָלט האַלטן מלחמה אין יראַק.
2. קענסטו יענעם בחור? מיר האָבן אים געזען אויפֿן יידיש קורס.
3. די קינדער האָבן זיך פֿאַרשפעטיקט. איך וואַרט אויף זיי.
4. דאָס בוך איז אַזוי אינטערעסאַנט. איך האָב עס נעכטן געלייענט.
5. דאָס פֿינגערל האָט געהערט צו מײַן באָבען. עס איז טאַקע זייער אַלט.

3. Put the following sentences into the past tense using a passive construction.
[10 marks]

1. דער אַדוואָקאַט שרײַבט דעם בריוו.
2. ער מאַכט אַ שאַנק פֿון האָלץ.
3. זיי פלאַנירן אַ קאָנפֿערענץ פֿאַר לערער.
4. די זאַך ווערט הײַנט נישט אָרגאַניזירט.
5. מיר פֿרעגן אַ סך פֿראַגעס.

4. Insert the correct form of יענער
[10 marks]

1. איך קען שוין ----- סטודענטן.
2. ער האָט דערציילט וועגן ----- ענין.
3. דאָס איז נישט דעם סענטשענס הויז. עס איז -----.
4. וואָס ווייסטו וועגן ----- פֿרוי?
5. ----- יינגלס הוט, האָב איך ליב.

5. In Yiddish, use the following verbs in sentences, in the past tense.
[10 marks]

1. פֿאָדערן
2. טענהן
3. אײַנשפּאַרן זיך
4. באַריסען זיך
5. האַלטן

6. Translate the following passage into English.
[15 marks]

– אַקעגן אים בין איך בלאַס און אײַנגעבויגן. איר זעט? נישט אַזוי קליין, ווי אײַנגעבויגן. מײַן פּנים איז פֿון קינדווײַז אָן צוזאַמענגעפּלעטשט,[14] קרום, ווי איבערגעפֿאָרן. איך טראָג וואָנצעס, אָט... איך בין נישט קיין שיינער, איבערהויפּט אין פּראָפֿיל, איך בין פֿון אַזאַ משפּחה... איר מיינט, איך ווייס עס נישט? צווישן אַלע יונגעלײַט, וואָס איך קען, בין איך דער מיאוסטער. דער מיאוסטער בין איך אויך געווען בײַ מיר אינדערהיים, אין מײַן געבורטשטאָט. טאַקע דערפֿאַר האָב איך דאָרט פֿון קינדווײַז אָן געלעבט באַזונדער פֿון אַלע קינדער, איינער אַליין, ווי אַ יתום. שטעלט אײַך פֿאָר: איך אין יענער צײַט אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן: אַ צוועלפֿיאָריקער גימנאַזיסטל "מיט מעשענע קנעפּלעך";[15] אַ גימנאַזיסטל, וואָס לויפֿט נאָך זײַן פֿרומען זיידן אין קלויז אַרײַן דאַווענען מנחה און מעריבֿ;[16] ווי אַ הינטל, וואָס געפֿינט שוין לעבן זיידן. און נישט דערפֿאַר, וואָס אַנדערע בײַסן עס; נאָר ווײַל אַנדערע גימנאַזיסטלעך באַמערקן מיך נישט. איך מעג שטיין צווישן זיי, איז סײַ־ווי־סײַ, ווי גלײַך קיינער שטייט נישט צווישן זיי.

7. Choose one of the stories you have studied. Give its author and title and then in Yiddish, describe what the story is about. Give your opinion about it.
[20 marks]

8. Read the passsage below and answer in Yiddish the questions which follow.
[15 marks]

כאָטש די קולטור פֿון ייִדן אין איטאַליע איז נישט קיין אַשכּנזישע[1] איז זי געווען אַ וויכטיקע, סײַ אַ מאָל, סײַ הײַנט. אין דעם 15טן און 16טן יאָרהונדערט האָט מען גערעדט מערבֿ-ייִדיש[2] אין דער געגנט אַרום ווענעציע, פּאַדואַ, מילאַנאָ און טריעסט. די ייִדישע שפּראַך איז אויך פֿאַרבונדן מיט הומאַניזם (למשל דער שרײַבער און פֿילאָלאָג עליאַ לעוויטאַ, וואָס הייסט אויף ייִדיש אליה בחור) און מיטן אָנהייב פֿון דער פּרעסע (דײַטשישע ייִדן זײַנען געווען די פֿאַרלעגערס פֿון וואַטיקאַן). שפּעטער איז די ייִדישע שפּראַך פֿאַרשווונדן, ווי אין דײַטשלאַנד. הײַנט איז דאָ אַ באַנײַטער אינטערעס פֿאַר ייִדישער קולטור וואָס האָט אָנגעהויבן מיט דער גרויסער הצלחה[3] פֿון מוזיק-גרופּעס וואָס שפּילן כּלי-זמר[4]-מוזיק און אַנדערע ייִדישע לידער.



אַזוי האָט אויך אָנגעהויבן דער זינגער און אַקטיאָר מאָני אָוואַדיאַ, אַ ספֿרדישער[5] ייִד פֿון בולגאַריע וואָס רעדט כּמעט[6] 20 שפּראַכן, צווישן זיי ייִדיש. ער האָט אויפֿגעפֿירט אויף דער בינע עטלעכע טעאַטער-פּיעסעס אינספּירירט פֿון די ייִדישע קלאַסיקערס און פֿון די פּאָעטן פֿון ווידערשטאַנד[7] אין דער צווייטער וועלט-מלחמה. ער פֿירט אַ „ייִדיש קאַבאַרעט“ ווו ער זינגט און רעציטירט אויף ייִדיש. נישט געקוקט[8] אויף דעם וואָס זײַן פּובליקום פֿאַרשטייט נישט קיין ייִדיש, זײַנען זײַנע פֿאָרשטעלונגען תּמיד[9] אויספֿאַרקויפֿט.[10]

1. דערצייל וועגן ייִדיש אין איטאַליע אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט. [3 marks]

2. וואָס האָט געפֿירט צום נײַעם אינטערעס אין ייִדיש הײַנט צו טאָג? [3 marks]

3. דערצייל וועגן 'מאָני אָוואַדיאַ'. [3 marks]

4. וואָס טראַכסטו וועגן ייִדישע קולטור אין דער מאָדערנע וועלט? [6 marks]